NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03513

IN A IDISHER KOLONYE

J. I. Farber

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ה. לייוויק

ח. י. פארבער
9-9-1936

ח. י. פארבער

אין א אידישער קאָלאָניע

פאר קינדער

בוענאָס איירעס
1936

געדרוקט אין דער דרוקעריי
פון מושקאט און זאסלאווסקי
סארמיענטאָ 2157, ב. איירעס

דעם אָנדענק פון מיין

קינד — מ ע נ ד ע ל ע.

די רייזע

אָפּגעזעגנט זיך מיט פריינט,
איז דער לעצטער טאָג שוין היינט,
וואָס איך בין נאָך דאָ.

מאָרגן — מאָרגן אלע פיר,
אלע איינינעם פאָרן מיר
אין א גוטער שעה[1]:

טאטע־מאמע זענען צוויי,
איך און שוועסטערל מיט זיי,
איז צוזאמען פיר.

פון דער שולע בין איך פריי —
זינג איך, טאנץ איך און איך שריי:
— פאָרן, פאָרן מיר!

---

1) שׁאָ.

און מיר זענען שוין אין באַן.
וויפל מענטשן איז פאַראַן!
סטייעט ניט קיין אָרט.

מוזן מיר דערווײַלע שטיין —
רירט די באַן זיך און נעמט גיין,
שנעל און שנעלער פאָרט.

און בא יעדער סטאַציאָן,
כוואַליעס מענטשן קומען אָן,
גייען אויף אַראָפּ.

אָבער מערער קומען צו
און זיי לאָזן ניט צורו —
גייען אויף און אָפּ.

און דער וועג איז זייער ווייט,
פאָרן מיר א לאַנגע צייט,
ווייס איך וויפל שעה1)!

האַלט די באַן אַלץ אין איין גיין,
ביז די זון נעמט אונטערגיין,
אָט איז זי נישטאָ...

---

1) שאָ.

אויפן הימל — מערב [2] - זייט,
זעט מען נאָך א לאנגע צייט
א קאָליר ווי בלוט.

קומט א שיינע פרילינג־נאכט,
און צו פאָרן איז א פּראכט —
אך, ווי מיר איז גוט!

האלט די באַן איך לויפן איין —
פרעג איך באלד: וואָס קען דאָס זיין?
און דערוויס זיך גלייך:

ס'מוז די באַן דאָ בלייבן שטיין,
ווייל זי קען ניט ווייטער גיין —
אָט איז שוין דער טייך.

נעמט מיך אָן א פרייד, אזא —
איך וויל זען דעם פּאראנא
און דעם פעריבאָט.

נעם איך זינגען: טרא־לא־לא!
איך האָב ליב דעם פּאראנא,
און דעם „פעריבאָט".

---

2) מארעוו.

א פלאטפאָרם אין וואסער שטייט —
צוגעבונדן מיט א קייט
איז ער פעסט צום ברעג.
פאָרט די באן אויף אים ארויף,
הערט זיך דרייען אזא שרויף —
לאָזט מען אים אין וועג.

און די באן פון אויבן שטייט,
נאָר דער פעריבאָט ער גייט,
שיפט זיך ווי א שיף.
די חברימלעך 3) פון שטאָט
וועל איך וועגן פעריבאָט
שרייבן אין א בריוו.

דארף מען אָבער שלאָפן גיין,
קען איך מער אליין ניט שטיין.
קוקן ביזן סוף 4).
אלע זאָגן אז ס'איז שיין
פונעם פעריבאָט צו זען
ווי די זון גייט אויף.

---

3) כאוויירימלעך. 4) סאָף.

זאָגט מען זיך: א גוטע נאכט —
נאָר איך שלאָף ניט און איך טראכט,
טראכט א לאנגע צייט...

ווען איך כאַפּ זיך נאָכדעם אויף,
רייב די אויגן זיך פון שלאָף,
איז דער טייך שוין ווייט:

ווידער פאָרט די באַן און פאָרט —
זענען מיר באלד אויפן אָרט,
גרייטן מיר זיך צו.

— באלד איז „קלארא" — זאָגט א מאן.
קוק איך גלייך ארויס פון באַן,
נאָר איך זע ניט ווו.

אך, איז ענטרע ריאָס שיין!
וויפל נאָר דאָס אויג קען זען
פאַרנדיקערהייט —

האָט די ערד זיך אויסגעצירט,
פעלדער גאָלד און גרין קאָלירט,
ליגן אויסגעשפּרייט.

— קלארא! — עמיצער זאָגט אָן.
קלארא איז א סטאציאָן,
שטעלט די באַן זיך אָפּ.

איז צום פאָרן שוין אן עק,
און מיר נעמען די געפּעק,
און פון באַן אראָפּ...

אויפן פעלד

חברימלעך 1) ס'איז א וועלט!
איך בין איצטער אויפן פעלד,
אך, ווי דאָ איז שיין!

צו דערציילן כ'האָב אסאך —
וואָס זאָל זיין די ערשטע זאך,
ווייס איך ניט אליין.

דאָ איז קיין זאך ניט פארשטעלט —
ס'איז א פריי און אָפן פעלד:
זעט מען, הערט מען וייט.

דאָ א בערגל, דאָרט א טאָל
און א וועג זיך 'שלענגלט שמאָל —
עמיץ דאָרטן רייט.

---

1) כאוויירימלעך.

ניט ווי אין דער גרויסער שטאָט,
ווו פארשטעלט איז יעדער טראָט
מיט א הויכער וואנט.

דאָ, גייסטו פון שטוב ארויס,
זעסטו אלצדינג, קליין און גרויס,
זעסט ווי אויף דער האנט.

לייגסט דעם אויער צו דער ערד,
הערסטו ווי עס פאָרט א פערד,
ווייס איך ווי די ווייט!

קענסט דערקענען נאָכן קלאנג —
אויב נאָר א באקאנטער גאנג,
ווער איז דער וואָס רייט.

מענטשן איילן זיך דאָ ניט,
גייען לאנגזאם, טריט ביי טריט
און זיי האָבן גליק:

אז זיי ארבעטן ביי זיך —
דארפן זיי ניט גייען גיך,
איילן אין פאבריק.

פרוכט און גרינצייג אַלערליי,
שטענדיק פרישע האָבן זיי,
קויפן ניט אין מאַרק.

און די מענטשן זענען גוט,
האָבן קראַפט און האָבן מוט,
זענען פעסט און שטאַרק.

איצטער איז די צייט פון שניט —
גיי איך מיט מיין פעטער מיט,
זען דאָרט ווי מע שניידט.

שיין די שנייד־מאַשין צו זען
ווי זי שניידט און דרעשט אַליין,
אין דער זעלבער צייט.

די קאָלאָניע איז דאָך גרויס —
פאָר איך צייטנווייז אַרויס
ביז די זון פאַרגייט.

אַלץ באַקוק איך און באַטראַכט,
ס'איז אַ שיינקייט און אַ פּראַכט
און אַ גרויסע פרייד!

א זומער־טאָג

ווען איך האָב נאָר פרייע צייט,
כאַפּ איך מיר א פערד און רייט,
פאָר ארויס אין פעלד.

לאָז מיין פערדל לאנגזאם גיין —
איך זאָל אלצדינג בעסער זען,
וויפל מיר געפעלט.

גייט מיין פערדל זיך און גייט
אויף א פעלד וואָס איז פארזייט —
הויבט אָן ווערן גרין.

איך דערזע א גלאנציק אָרט —
וויל איך וויסן, וואָס איז דאָרט ?
און לאָז זיך אהין.

הויבט מיין פערדל אויף דעם קאָפּ,
נעמט זיך לויפן א גאלאָפּ,
ניט עס לויפט — עס טאנצט!...

קום איך צו א טייכל קליין,
איז עס לויטער, איז עס ריין
און פון זון צעגלאנצט.

וואָס־זשע קען נאָך בעסער זיין,
ווי זיך אויסצובאָדן פיין,
אין א זומער־טאָג?

איז אין טייכעלע אריין...
— אז געבענטשט זאָלסטו מיר זיין
ליבער זומער־טאָג!

פּאטש אין וואסער ווערט א רינג,
מאַך איך רינגען און איך זינג,
קלינגט עס אָפּ אין פעלד:

„לאָמיר קינדער טאנצן גיין —
ס'איז דאָס לעבן גוט און שיין
אויף דער גרויסער וועלט!"

שטייט מיין פערדל זיך באַם ברעג,
שמייסט און שמייסט זיך מיטן עק,
טרייבט די פליגן אָפּ.

און איך שווים דאָס טייכל אויס,
קום א פרישענקער ארויס,
— פערדל, א גאַלאָפּ!

פאָלגט עס מיך, דעם באַלעבאָס
און עס גיט זיך א צעלאָז —
לאָזט זיך א גאַלאָפּ.

בארג אראָפּ און בארג ארויף,
ביז מיר קומען אָן צום הויף
און איך שפּרינג אראָפּ.

לאָז איך אָפּ מיין פערדל פריי,
לויפט עס מיט א הירזשעריי
צו די פערד אוועק.

ווען איך קום אריין אין הויף,
לייגט מען אויף די פורן אויף
תבואה 1), פולע זעק.

1) טוואוע.

און דער שכן 2) „משה־בער״
רופט מיך—„שטאָט-מענטש״ קום אהער!
זאָג, געפעלט דיר דאָ ?

ענטפער איך אים אויפן אָרט :
ס׳איז געווים דאָס שענסטע אָרט !
שענער איז נישטאָ...

רופט מען אונדז אין שטוב אריין,
קען איך ניט אין דרויסן זיין —
מומע עסן גיט.

גיט דער שכן 2) אונדז א זאָג :
האָט־זשע מיר א גוטן טאָג —
גוטן אפעטיט.

2) שאָכן.

נאָך א רעגנדיקער נאכט

שטארק גערעגנט האָט די נאכט,
און דער דונער האָט געקראכט
און דער בליץ געבלענדט.

דורך די פענצטערלעך פארמאכט,
האָט זיך בליץ א וועג געמאכט
און באשיינט די ווענט.

און דער שטארקער רעגן־שטראָם,
האָט געגאָסן ווי א ים[1] —
שטורעמדיק און ווילד.

און מיר האָט זיך פאָרגעשטעלט,
אז פארוואנדלט איז דאָס פעלד
אין א וואסער־בילד.

---

1) יאם.

און געבלאָזן האָט א ווינט —
און געדאכט זיך אז דער ווינט
טראָגט דאָס הויז אוועק.

האָב איך שלאָפן ניט געקענט,
און געקוקט אלץ אויף די ווענט
מיט אזא מין שרעק!

און אזוי ביז שפּעט אין נאכט,
האָב איך נאָר פון דעם געטראכט:
ווי דאָס הויז פאלט איין...

און בא יעדן בלאָז פון ווינט,
האָב איך זיך געזאָגט: אצינד
וועט דער חורבן 2) זיין.

אויפגעשטאנען בין איך שפּעט,
און בין באלד אראָפּ פון בעט,
צו צום פענצטער זען —

איז געווען דאָס גאנצע פעלד
פון דער ליבער זון באהעלט,
גלאנציק, פריש און ריין.

---

2) כורבן.

פון די ביימער ארום הויז,
האָבן רעגן־טראָפּנס בלויז
קעגן זון געגלאַנצט.

פייגל שיינע אַלערליי,
האָבן פּיפּטשענדיק אויף זיי
פריילעך אומגעטאַנצט.

נאָך א רעגנדיקער נאַכט,
פרישער איז און אויפגעוואַכט
אַלץ ארום אין פעלד.

ווי א וווּנדערלעכע האַנט,
וואָלט דאָס שענסטע אויפן לאַנד
פאַר מיר אויסגעשטעלט.

שבת [1]

שבת [1] איז א טאָג פון רו —
גיי איך צו א שכן [2] צו
און פאַרברענג די צייט.

פון די „גרופּעס" קומען אָן
קינדערלעך רײן אָנגעטון,
שבתדיק [1] — באַנייט...

גייען מיר ארויס אין הויף
שפּילן אין א וועט־געלויף,
צי אן אנדער שפּיל.

שבת [1], שבת אויפן פעלד —
ווי אונדז קינדערלעך געפעלט
שבת־רו און שפּיל!

1) שאַבעס. 2) שאָכן.

און דער הויף איז גרויס און פריי —
זינג און טאנץ און לויף און שריי
וויפל דיר געפעלט!

וועט דאָ קיינער בייז ניט זיין,
קיינער מישט זיך ניט אריין —
גוט איז ווי די וועלט!

זעט דאָס הינטל אונדזער שפּיל,
גיט עס גלייך זיך א צעביל,
לויפט אריין אין קאָן.

טרייבט עס יעדערער אוועק,
נעמט עס דרייען מיטן עק,
קוקט אונדז הינטיש אָן...

שבת 1) איז א טאָג פאר געסט —
קומען אָן אזוי פיל געסט —
אז די שטוב איז קליין.

טראָגט מען טישן, בענק ארויס
און מע זעצט אין הויף זיך אויס —
האָט עס אזא חן 2):

1) שאבעס. 2) כיין.

צווישן ביימער אויסגעשטעלט
טישן, בענק פון זון פארשטעלט —
נעמט מען אויף די געסט.

פונעם גאָרטן פרוכט געבראַכט
און געבעקס, אליין געמאַכט —
ווייסט מען וואָס מע עסט...

נעמט מען רעדן וועגן שניט,
וויפל ווייץ און האָבער גיט
און ווי האַלט דער פּרייז.

— נאָר א שאָד, וואָס אזא שניט
(זאָגט ארויס א פעסטער ייד)
איז נאָר ערטערווייז.

זאָגן טייל געסט: — ס׳איז שוין שפּעט —
נאָר דער באַלעבאָס, ער בעט:
— זיצט נאָך ליבע פריינט.

און ער בעט זיי אזוי ליב —
טוען אים די געסט צוליב:
שבת1)—איז דאָך היינט...

1) שאַבעס.

זיצט מען ביז עס קומט די נאכט —
ווערט א גרויסער לאָמפּ געבראכט,
עס זאָל ליכטיק זיין.

הענגט מען אויף א בוים אים אויף
און ער קוקט אראָפּ אין הויף,
ווארפט א רונדן שיין.

די לבנה 1) פול און גרויס,
איז איצט שיינענדיק ארויס —
א „טשיטשארא" טרעלט.

„שבת־רו" און „שבת־פרייד"
פילט נאָר יענער און פארשטייט,
וואָס שבתט 2) אויפן פעלד.

1) לעוואָנע. 2) שאבעסט.

„טאָרמענטא"

האָט איר קינדערלעך געזען
ווי טאָרמענטא קומט צוגיין
מיט איר גרויסער מאכט ?

ווי זי גיט דעם ערשטן בלאָז
און דערנאָך זיך א צעלאָז
אין א ווילדער שלאכט ?

ווען די לופט איז שטיל ארום
און קיין בלעטל, גרעזל, בלום,
גיט זיך ניט קיין ריר.

ווען די לופט איז שווער און דריקט
און דער אָטעם פּרעסט און שטיקט,
מאכט זי איר שפּאציר.

אויף א וואָלקן־שטויב זי קומט
און זי בייזערט זיך און ברומט,
וואָיעט, שרייט און ברילט.

פילט מען אז זי איז אין וועג,
פאלט אויף אלעמען א שרעק,
ווייסט מען וואָס זי צילט...

פייגל פילן ווען זי קומט
און זיי ווערן ווי פארשטומט —
געבן ניט קיין טרעל.

און זיי פליען אין געאייל
ווי פון בויגן פליט א פייל
אומגעהויער שנעל.

מענטשן ווייסן וואָס זי קאָן...
זעט מען אז זי קומט שוין אָן
פייפנדיקערהייט.

איז א רגע 1) ניט געטראכט —
טיר און פענצטער צוגעמאכט
און זיך צוגעגרייט.

---

1) רייגע.

איז שוין אלעס גוט פארמאכט,
הערט זיך ווי אין דרויסן קראכט
נאָענט בא דער טיר.

ס׳האָט טאָרמענטא זיך צעשפּילט
און מיט קולות 2) שרעקלעך ווילד
רייסט זי, רייסט די טיר!...

גיט מיט צאָרן זי א שטויס
האלט זי די אטאקע אויס
און זי גיט ניט נאָך.

גיט זי זיך א נעם צום דאך
און עס דויערט ניט קיין סאך
ווי ער גיט א בראָך:

מיט א מוראדיקן 3) קראך
אָפּגעריסן ווערט דער דאך
און זי שלעפּט אים מיט

און זי גיט אים א צעברעך —
פליען פייפנדיק די בלעך
א טאָרמענטא־ליד.

2) קוילעס. 3) מוירעדיקן.

טרעפט זי מענטשן אויפן וועג,
כאַפּט זי זיי אין איר געיעג,
וואַרפט זיי פון די פיס.

שטייט א בוים, איז א צעדריי
און צעבראָכן אים אויף צוויי,
מיטן וואָרצל אים א ריס!...

כאַפּט א טויער און צעברעכט
און צעדרייט אים און צעפלעכט
אין איין אויגנבליק.

און א צוגעבונדן פערד,
מיט די קלאָען גראָבט די ערד,
רייסט זיך אָפּ פון שטריק.

געבנדיק א ווילדן כראָפּ,
לאָזט ער לויפן זיך גאַלאָפּ,
לויפט און לויפט, אָן ציל.

און דער הונט אין ביידל ליגט
און דערשראָקן ווי דערדריקט
גיט ער שטיל א ביל.

ווען טאָרמענטא אַליץ צעשטערט —
נעמט זיך שאַרן בא דער ערד,
קלויבט זיך בלייבן שטיין.

איז שוין מערער ניט געיאָגט —
נאָר זי יאָמערט און זי קלאָגט
גייט אויס אין געוויין...

אַ פרימאָרגן

היינט צום ערשטן מאָל אָן מי,
בין איך אויפגעשטאנען פרי,
גלייך מיט זון־אויפגאנג.

אויפגעשטאנען און דערהערט,
פאר מיין פענצטער אַ קאָנצערט,
אזא ׳שיין געזאנג!

— ליבע פייגעלעך, אַ דאנק,
פאר דעם פרעכטיקן געזאנג!
רוף איך מונטער אויס.

און אליין צעזינג איך זיך,
כאפּ אויף זיך די קליידער גיך
און פון שטוב ארויס.

כ׳האָב נאָך קיינמאָל ניט געזען
ווי עס הויבט אָן אויפצוגיין
אינדערפרי די זון:

שטיי איך און איך קוק און קוק —
זאָגט מיר מאמע: — שוין גענוג
קוקן אויף דער זון.

ביסט היינט אויפגעשטאנען פרי —
מומע גיטל מעלקט די קי,
קום־זשע וועסטו זען.

ווייס איך שוין ניט וואָס צו טון:
זאָל איך קוקן אויף דער זון?
צי מיט מאמען גיין?...

— מאָרגן איז דאָך אויך א טאָג,
טראכט איך און איך גיב א זאָג:
מאמע, לאָמיר גיין.

שפּאנען מיר אין גרויסן הויף
און דערזעען א געלויף —
עופות 1) גרויס און קליין.

---

1) אויפעס.

שטייט א האָן אינמיטן הויף,
רופט די הינדעלעך צונויף:
קאָ - קאָ - קאָ - קאָ - קאָ.

— קומט נאָר הינדעלעך צו מיר,
זעט נאָר קערנער, אָן א שיעור 2)!
דאָ און דאָ און דאָ.

גענדז און קאטשקעס לויפן מיט,
אינדיקעס אויך פעלן ניט,
לויפן סאָפּענדיק.

צו די קערנער זיך געכאפּט,
מיט די שנעבעלעך געקלאפּט:
פּיק - פּיק - פּיק - פּיק - פּיק.

באם „קאָראל" שוין זענען מיר —
זאָגט מיר מומע: כ'וואַרט אויף דיר,
פּעפּער וואָס דו ביסט.

שטיי איך און איך קוק זיך צו
ווי זי מעלקט די לעצטע קו,
און די מילך פּליסט.

---

2) שיר.

פליסט אין קריגעלע אריין,
און אנטקעגן זונען־שיין
זעט זי אויס ווי ראָז.

איז דאָ אלצדינג אזוי שיין!
נאָר איך בין שוין מיד צו שטיין —
לייג איך זיך אין גראָז.

לייג דעם אויער צו דער ערד
און פון ערגיץ ווי זיך הערט:
פי־פי־פי־פי.

טאקע נאָר אין פעלד אליין,
קען מען פילן, קען מען זען,
אזא אינדערפרי...

די שול

פונעם הויף מיט ביימער פול,
זעט זיך קוים ארוים די שול
מיטן רויטן דאך.

צווישן הויכן גרינעם גראָז,
בלימלעך געל און בלוי און ראָז,
זענען דאָ אסאך.

יינגלעך, מיידלעך גרופּעסוויז,
אלע אָנגעטון אין ווייס,
רייטנדיק אויף פערד.

מיט א פריילעכן געשריי,
צו דער שולע קומען זיי,
גליקלעך — אומגעשטערט.

אויף טייל פּערדעלעך צו צוויי,
אויסגעצויגן זיצן זיי —
יעדער קינד, א העלד!

מוט און זיכערקייט אין בליק,
קינדער־הערצלעך פול מיט גליק —
פרינצן פונעם פעלד.

פאר דער טיר דער לערער שטייט
און באגעגנט זיי מיט פרייד:
— מיינע קליינע פריינט!

מיט א לעבעדיקן טאָן,
הויבט ער באלד צו לערנען אָן
און זיין פּנים 1) שיינט.

הערן זיך די קינדער איין,
נעמען גוט אין קאָפּ אריין,
וואָס דער לערער רעדט.

קינדער ווייסן און פארשטיין:
לערנען הויבט מען אָן פון קליין —
נאָכדעם איז שוין שפּעט.

1) פּאָנים.

ווען דאָס לערנען איז שוין אויס,
קומען קינדערלעך ארויס,
מאכן א געיעג:

נאָך די פערד ווערט א געלויף
און זיך שנעל א כאפּ ארויף:
— היידא! און אוועק.

געאַקערט און געזייט

אויף די פעלדער נאָכן שניט,
ארבעט איצטער קיינער ניט:
ס'איז די צייט פון רו.

און דער פויער טראַכט און פּלאַנט —
וואָס פארזייט מען אויפן לאַנד,
וויפל, ווען און ווו?

ווען עס איז דער פּלאַן שוין גרייט,
אַקערט פלייסיק ער און זייט
פארן נייעם שניט.

גראָבט דער אַקער טיף זיך איין
און אין שווארצער ערד אריין,
קערנדלעך ער שיט.

גלאנצט דער אקער און ער בליצט
און דער פויער אויף אים זיצט,
האלט פארויס דעם קאפ.

און „גאוויאטאס" פליען אום,
פליען נידעריק ארום,
לאזן זיך אראפ.

ווו א ווערימל נאר קריכט
צווישן ערד פון פרישן שיכט,
כאפן זיי עס אויף.

האט נאר איינער אפגעגליקט,
איז אויף שנעל זיך אנגעפיקט
און א פלי ארויף.

און אזוי פון פרי ביז שפעט,
איז געאקערט און געזייט
אויף איעדן פעלד.

וועלן גוטע רעגנס גיין,
וועלן קערנדלעך אויפגיין —
שפע 1) פאר דער וועלט...

1) שייפע.

אהיים

שוין אוועק די זומער־טעג,
גרייטן מיר זיך אויך אין וועג,
אויף אהיים צוריק.

גיי איך מיר פון שטוב ארויס,
קוק דאָס פעלד נאָך איין מאָל אויס,
ווארף א לעצטן בליק.

היימיש איז מיר און באקאנט,
אלצדינג אויפן שיינעם לאנד,
יעדער שטיקל ערד:

דאָ א העזעלע געכאפּט,
און א דאָרטן — זיך צעקלאפּט
פאלנדיק פון פערד.

שכנים 1) פילן אָן דאָס הויז,
מענער, פרויען, קליין און גרויס,
וויפל נאָר פאראַן.

ווען שוין אָפּגעזעגנט זיך,
פאָרן מיר באַלד אָפּ אויף גיך,
פאָרן צו דער באַן.

קומען מיר קיין „קלארא" אָן,
קומט די באַן שוין אויבעט אָן,
ברומענדיקערהייט.

נעמט די באַן זיך רירן נאָר,
רופן אוים די פריינט אין כאָר:
— פאָרט געזונטערהייט!

גייט די באַן און גייט און גייט,
צווישן פעלדער פריש פארזייט,
קאָלאָניסטיש לאַנד.

שטיי איך און איך קוק צוריק —
ווינטש די קאָלאָניסטן גליק,
גליק אויף זייער לאַנד.

---

1) שכיינים.

אינהאלט:

	זייט
די רייזע — — — — — — — — — — — — —	3
אויפן פעלד — — — — — — — — — — — —	9
א זומער־טאָג — — — — — — — — — — —	12
נאָך א רעגנדיקער נאכט — — — — —	16
שבת — — — — — — — — — — — — — —	19
טאָרמענטא — — — — — — — — — — — —	23
א פרימאָרגן — — — — — — — — — — —	28
די שול — — — — — — — — — — — — —	32
געאקערט און געזייט — — — — — — —	35
אהיים — — — — — — — — — — — — — —	37

בוכהאנדלונג און פארלאג
ג. קאפּלאנסקי
קאָריענטעס 2614
בוענאָס איירעס